NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13456

# TATESHI, TATESHI

Itzik Kipnis

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

## איציק קיפניס

# טאטעשי
# מאמעשי

[illegible]

ווײסרוסלענדישער מעלוכע פארלאג.
מינסק – 1929

אי. קיפּניס

# טאַטעשי, טאַטעשי

און אַנדערע מאַיסעלעך

ווײַסרוסלענדישער מעלוכע־פֿאַרלאַג
מינסק — 1929

מינסק. דרוקעריי פֿון ווייס-
רוסלענדישן מעלוכע-פֿארלאג.
באשטעל. 326. טיראזש 3000.
גלאװליטבעל 1251.

# אַרום שול.

(אַ מאַיסע פון דאָוויד-לייבעלען, דער כאַווערטע ריווען, דער פייגעלעס לעוואַיע און פון אייגענער שאַפונג).

## I

דאָוויד־לייבעלע טשעשקיס וואַינט אַף איין גאַס און אין איין הויף מיט זיין פאַראַיאָריקער לערערן רעוועקאַ מאַרקאָוונאַ. די קינדער רופן זי די כאַווערטע ריווע. נאָר די כאַווערטע ריווע איז אַ לערערן אין דער ערשטער גרופּע און דאָוויד־לייבעלע איז שוין אַריבער אין דער צווייטער. איז די קינדער פון דער צווייטער גרופּע האָבן זייער ליב די כאַווערטע ריווען פון דער ערשטער גרופּע און דאָוויד־לייבעלע, אַז ער גייט אַמאָל פון שול מיט איר אינאיינעם אַהיים, דערציילט ער איר אַלצדינג—ווי אַזוי זיי לערנען זיך, און ווי אַזוי זיי שפּילן אין קלאַס.

איינמאָל גייט רעוועקאַ מאַרקאָוונאַ און הערט, ווי אַ בינטל קינדער פון דער צווייטער גרופּע מיט די ביכער אַף די אַקסלען ריידן צווישן זיך, און דאָוויד־לייבעלע רעדט דאָרטן העכער פון איטלעכן.

— וואָס איז ער פאַר אַ לערער?—פרעגט ער דאָוויד־לייבעלע,—אַז איך קען שוין שרייבן בעסער פון אים!

איז רעוועקאַ מאַרקאָוונאַ שוין אָנגעגאַנגען נעענטער, האָבן זי די קינדער דערזען און זיך זייער דערפרייט, און דאָוויד־לייבעלע האָט איר גענומען דערציילן, אַז דער לערער פון זינגען קען גאָר ניט שרייבן, אַפילע די קינדער קענען שוין בעסער פון אים.

— ווו האָסטו געזען, אַז ער קען ניט שרייבן,—פרעגט די כאַווערטע ריווע.

דערציילן שוין אַלע קינדער מיטאַמאָל, ווי דער לערער איז צוגעגאַנגען צום טאַפל און האָט געוואָלט אָנשרייבן: „י ע ד ע ר מ ע נ ט ש ד אַ ר ף ק ע נ ע ן ז י נ ג ע ן", האָט ער אָנגעשריבן „ו ע ד ע ר ב ע נ י ש ד אַ ר פ ק ע ן מ ע ן ז י נ ז ע ן" — פאַר אַ „יוד" שרייבט ער אַ „וואָוו" און פאַר אַ „גימל"—אַ „זאַיען". ער קען אַפילע ניט שרייבן אַזוי, ווי אַ קליין קינד.

— טאָ וואָס איז דערנאָך געווען?—פרעגט רעוועקאַ מאַרקאָוונאַ.

זאָגן די קינדער, אַז זיי האָבן זייער געלאַכט, וואָס ער האָט אָנגעשריבן „זינזען".

— „זינזען"! „זינזען"!—האָבן זיי זיך ווייטער נאָכגעקרימט.

רופט זיך אָן רעוועקאַ מאַרקאָוונאַ:

— ווען איר ווייסט, קינדער, ווי אַזוי דער כאַווער מילשטיין קען שיין שאַפן, וואָלט איר שוין דאַווקע ניט געלאַכט פון אים.

די קינדער ווייסן דאַווקע, וואָס הייסט אייגענע שאַפונג. אייגענע שאַפונג הייסט, אַז מוציק שרייבט אַריין אַ ליד אין צייטונג אַריין און נעכע ברויטמאַן שרייבט אָן אַ מאַיסעלע, וואָס זיי שאַפן פון זייער אייגענעם קאָפ. מוציק מיט נעכען קענען טאָקע שאַפן בעסער פון אַלע קינדער, נאָר וואָס קען שאַפן דער לערער פון געזאַנג—שטויסן זיי זיך נאָך ניט אָן.

II

איינמאָל גייען די קינדער פון שול. ס׳געווען אַ שיינער, אַ פראָסטיקער טאָג. דינגען זיך די קינדער צווישן זיך וויפל ס׳האַלט דאָ גראַד פראָסט: איינער זאָגט 12 גראַד, אַ צווייטער זאָגט, אַז ס׳מער ניטאָ ווי זעקס גראַד, ווייל ס׳איצט אַ שיינע זון אינדרויסן. דערווייל דערזעען זיי, אַז צווישן די רעלסן פונם טראַמוואַי ליגט עפעס אַ קליינע זאַך אַזאַ.

— זעט נאָר!—האָט זיך דאָוויד־לייבעלע אָנגעכאַפט דער ערשטער— ס׳איז דאָך אַ פייגעלע.

— אוי וויי, אַ געשטאָרבן פייגעלע!—האָבן גענומען די מיידלעך שרייען.



...זעט נאַר!—האָט זיך דאָוויד-לייבעלע אָנגעכאַפּט דער ערשטער—ס׳איז דאָך אַ טייבעלע.

— אַ פֿאַרפֿרוירן פֿייגעלע!—האָבן זיך אַלע קינדער מיט די ביכלעך מיט זייערע אַרומגעשטעלט אַרום.

און דאָס פֿייגעלע ליגט זיך נעבעך אײַנגעקײַקלט אין שניי מיט די פֿיסעלעך אַרויף, און די אויגעלעך זײַנען בײַ דעם פֿייגעלע אינגאַנצן פֿאַרמאַכט און ס'שײַנט אַ פֿאַרפֿאַלענע זאַך.

דער עלטערער פֿון די ייִנגלעך האָט אויסגערופֿן, אַז מע דאַרף מאַכן דעם פֿייגעלע אַ לעוואַיע.

— אַוווּ? אַוווּ?—פֿרעגן די ייִנגלעך.

זאָגט איינער—בײַ מיר אין הויף.

און דער צווייטער זאָגט—בײַ מיר אין הויף—ביז ס'גייט בלײַבן, אַז מ'זאָל עס גאָר באַהאַלטן אין הויף אין שול. ווען דער שומער וויל נאָך עפֿענען דאָס טירל אין בוימער־גאָרטן אַרײַן, וואָלט געווען גאָר גוט, דאָרט איז דער שניי זייער אַ ריינער.

בײַ איינעם אַ ייִנגל איז געווען אַ צײַטונג אין רענצעלע, האָבן זיי אַרײַנגענומען דאָס פֿייגעלע אין צײַטונג אַרײַן. דערווײַל איז אָנגעפֿאָרן אַ טראַמוואַי, האָבן אַלע קינדער אָפּגעטראָטן דעם וועג. דערנאָך האָבן זיי זיך אומגעקערט מיטן פֿייגעלע אין שול, אין הויף אַרײַן. זיי האָבן עס דערווײַל באַהאַלטן טיף אין שניי און אַפֿמאָרגן האָבן זיי אָפּגערעדט צווישן זיך—ווער ס'זאָל ברענגען אַ קעסטעלע, ווער אַ פֿאָן און ווער ס'זאָל נאָך האַלטן אַ רעדע, אַזוי, אַז די לעוואַיע זאָל זײַן ווי ס'באַדאַרף צו זײַן

בעשאַס די קינדער זײַנען געווען אַזוי פֿאַרטיפֿט, איז דער כאַוועד מילשטיין זיי נאָכגעגאַנגען פֿיס־טריט. די קינדער האָבן אים ניט באַמערקט. נאָר אים האָט אויך זייער פֿאַרדראָסן, וואָס דאָס פֿייגעלע איז אַראָפּגעקומען אָף ווינטער פֿון וואַלד אין שטאָט אַרײַן און ערשט דאָ האָט עס ווײַטער ניט געהאַט פֿונוואַנען צו לעבן. און ער, דער כאַוועד מילשטיין, האָט זייער ליב צו הערן זומער דעם פֿייגלשן געזאַנג. איצט אָבער האָט ער געזען, ווי די קינדער האָבן זיך פֿאַרטאָן, האָט עס אים אויך זייער און זייער פֿאַרדראָסן.

## III

אַפּמאָרגן זיינען געקומען די קינדער אין שול אַריין, און זיי האָבן איינער דעם אַנדערן דערציילט פון דער לעוואַיע. אַף די לימודים זיינען זיי געזעסן זייער אומרוהיק, ווייל ס׳זיי געלעגן אין קאָפּ עפּעס אַנדערש.

מ׳האָט אַבי־ווי איבערגעקומען די ערשטע צוויי לעקציעס. און דער לעצטער איז אַריינגעקומען דער לערער פון זינגען, כי מילשטיין.

די קינדער האָבן שוין זיך ניט געוואָלט לערנען, זיי האָבן געוואָלט גיכער אין הויף אַריין, נאָר זיי שעמען זיך זאָגן.

אָבער ווי גרויס איז געווען זייער ווונדער בעשאַס דער כאַווער מיל־שטיין האָט זיי אַליין אָנגעכאַפּט וועגן דעם.

— קינדער,—האָט ער זיך צו זיי אָנגערופן,—איך ווייס, אַז איר ווילט זיך באַלד שפּילן אין דעם פייגעלעס לעוואַיע. טאָ שפּילט זיך פריער אָפּ, דערנאָך וועט איר אַלע אַריינקומען אין גרויסן זאַל אַריין, קיין לימעד וועט היינט ניט זיין. איך וועל אייך נאָר אויסשפּילן אַ נייע זאַך, וועט איר הערן.

— און איר וועט אויך גיין אַף דער לעוואַיע?—פרעגן די קינדער.

— אויב איר ווילט, קען איך אויך גיין—האָט דער כי מילשטיין געענטפערט.

—

האָבן זיך אַלע קינדער אַרויסגעשאָטן פון קלאַס, זיי האָבן אָנגעטאָן זייערע מאַנטעלעך. דאָוויד־לייבעלע האָט אַרויסגענומען די פאָן, וואָס ער האָט צוגעגרייט. פייוול דער קאַצאַפּ האָט געבראַכט אַ קעסטעלע, וואָס ער האָט אַליין צונויפגעשלאָגן און זי אויסגעפאַרבט אין רויטן, און סאַמע פונונטן איז נאָכגעגאַנגען אַ מיידעלע מיט אַ פּאַפּירעלע אין האַנט—זי האָט געדאַרפט האַלטן אַ רעדע.

די קינדער האָבן אויסגעשאַרט פון שניי דאָס פייגעלע, האָבן עס אַרומ־געציכטיקט און אַריינגעלייגט אין קעסטעלע אַריין. אַנדערע האָבן גע־בראַכט פון פאַבריקן פּאַפּיר אָנגעשאָרענע קווייטן, האָבן זיי עס באַשאָטן, דערנאָך האָבן זיי זיך אויסגעשטעלט אין אַ ריי און זיינען אַרומגעגאַנגען אַרום און אַרום הויף, איז שוין געווען אָפן דאָס טירעלע אין בוימער־גאָרטן אַריין (דאָס האָט דער כי מילשטיין געקראָגן די שליסלען באַם

שוימער און אַליין געעפֿנט דעם גאָרטן). דער גאָרטן איז געווען באַשאָטן מיט ווײַסן שפּאָגל בײַעם אומגעריזרטן שניי. נאָר האַרט איז ער געווען דער שניי, אויפֿגעפֿרוירן פֿונויבן, און די קינדער זײַנען געגאַנגען איבער אים אַזוי ווי איבער אַ בריק.

די בוימער זײַנען געשטאַנען מיט ווײַסע אָנגעפֿרוירענע צווײַגן און האָבן אַזוי ווי געשמייכלט צו די געסט, וואָס זײַנען געקומען זיי געוואָר ווערן אין אַזאַ שײַנעם ווינטערדיקן טאָג. דאָ האָבן זיך די קינדער אָפּגעשטעלט. צווייען האָבן אויסגעגראָבן אין שניי ניט קיין גרויסע גריבעלע, און דאָס מיידעלע, ביילקעלע הייסט זי, האָט גענומען לייענען איר רעדע, וואָס זי האָט אָנגעשריבן.

— מיר, אָקטיאַברלעך,—האָט זי געזאָגט,—פֿון שול נומער 60, האָבן זייער ליב פֿייגעלעך.

דו האָסט געקערט זײַן אַ שיינע פֿייגעלע און איצט ביסטו נעבעך געשטאָרבן!... מיר, אָקטיאַברלעך, וועלן זומער גיין מיט דער לערערן אין וואַלד, וועסטו שוין דאָרט ניט זײַן... פֿאַר דעם זאָגן מיר דיר צו, אַז מירן דערפֿאַר זײַן גוטע פּיאָנערן...

דערנאָך האָבן די קינדער אָפּגעזונגען אַ טרויער־מאַרש, מען האָט אַראָפּגעבויגן די פֿאָן און פֿאַרשאָטן דעם קייווער.

## IV

אַז די קינדער זײַנען אַרײַן צוריק אין שפּיל־צימער אַרײַן, איז זיי געווען קאַלט, און ס'זיי געווען עפּעס שלעכט אַפֿן האַרצן.

דערווײַל האָבן זיי דערהערט פֿון ווינקל שטילע ראָיאַל־קלאַנגען. זיי האָבן אַ קוק געטאָן און דערזען, אַז דער כאָווער מילשטיין שפּילט שוין.

פֿריער האָט ער געשפּילט דין אַזוי, ווי פֿייגעלעך שטשעבעטשען אין וואַלד, דערנאָך האָט ער געשפּילט טויב און שטיל אַזוי, ווי אַ שניי אַ געדיכטער פֿאַלט.

דערנאָך האָט ער געשפּילט און איבערגעכאַפּט אַזוי ווי מיהאָט זייער מוירע פֿאַר עפּעס, מישרעקט זיך און מע צעפּליט אין אַלע זײַטן, דערנאָך עפּעס ווײַטער זייער טרויעריק.



...מיר, אָקטיאַבערלעך, פֿון שול נומער 60, האָבן זייער ליב פֿייגעלעך.

דער כאַווער מילשטיין האָט אַף קיינעם ניט געקוקט און זיך צעשפּילט אַזוי מיט האַרץ, אַז אַלע קינדער זײַנען געשטאַנען צוגעשמידטע צו זייערע ערטער, זיי האָבן מוירע געהאַט אַפילע אַ פינגער אופבויגן, קעדיי זיי זאָלן אים ניט שטערן. און אַז ער האָט געענדיקט, האָבן די קינדער לאַנג, לאַנג געשוויגן. דערנאָך ערשט האָבן זיי אים אַ פרעג געטאָן.

— ווי אַזוי הייסט עס, כאַווער לערער, אָט דאָס, וואָס איר האָט ערשט געשפּילט.

זאָגט ער, אַז ס'הייסט „ווינטער אין וואַלד“.

— ס'באַ אײַך אַן אייגענע שאַפונג? — איז דאָוויד־לייבעלע אַזש אונטערגעשפּרונגען פון אַ נײַעם געדאַנק.

האָט דער כ' מילשטיין עפּעס געקלערט אַ ביסעלע, דערנאָך האָט ער געענטפערט, אַז יאָ.

פונדעסטמאָלט אָן האָבן שוין די קינדער ניט געוווּסט וואָס צו טאָן מיטן כאַווער מילשטיין. שטענדיק האָבן זיי אַרויסגעקוקט אַף אים און אַף זײַן לימעד.

אוז איינמאָל, אַז דאָוויד־לייבעלע האָט באַגעגנט רעוועקאַ מאַרקאָווענען, האָט ער איר געזאָגט:

— כאַווערטע ריווע! איך ווייס שוין, וואָס הייסט אייגענע שאַפונג. דער כ' מילשטיין האָט אונדז געשפּילט „די פייגלען אין וואַלד“, וואָס ער האָט אַליין געשאַפן פון קאָפּ. אוי איז עס געווען שיין, כאַווערטע ריווע, אוי שיין.

אַ צווייט מאָל כאַפּט ער ווײַטער אָן רעוועקאַ מאַרקאָווענען און זאָגט איר:

— כאַווערטע ריווע, איר מיינט, אַז ער קען גאָרניט שרײַבן, דער כ' מילשטיין? דײַטש און רוסיש קען ער שרײַבן זייער שיין, נאָר יידיש האָט ער ניט געקענט, ווײַל מ'האָט אים קליינווײַז ניט געלערנט. און איצט קען ער שוין יידיש אויך. אַמאָל נאָר שרײַבט ער פאַר אַ גימל אַ זאַיִן, אָבער דאָס איז שוין טאַקע גאָרניט, אַ יאָ?

# טאַטעשי, טאַטעשי, זײַ ניט אַזוי...

(אַן אוקראַיִנישע פֿאָלק-מעשׂה)

געלעבט האָבן אַמאָל אין אַ דאָרף אַ פּויער מיט אַ פּויערטע. האָבן זיי געהאַט אַסאַך קינדער: אי זין, אי טעכטער. זײַנען אַלע קינדער געווען, ווי אומעטום קינדער, און די עלטערן האָבן פֿון זיי אַלעמען געקליבן נחת, כּוץ דער ייִנגסטער טאָכטער, פּראָסיען, וואָס איז געווען אַן אומגליק פֿאַר דער שטוב. זי איז דאַווקע אויסגעוואַקסן, פּראָסיע, אי הויך, אי געזונט און מיט אַלע מעלות: אָבער דער כּעסאָרן איז, וואָס זי האָט געהאַט, האָט פֿאַרבויגן אַלע מעלות: זי איז געווען זייער אַ פֿוילע, ס'האָט געמעגט זײַן אַרבעט אין שטוב איבערן קאָפּ, האָט זי קיינמאָל ניט אַ קלאַפּ געטאָן קיין פֿינגער אָן קיין פֿינגער. אַז יענער קאָכט זופּ, עסט זי אויף. אַז עמעצער בייט אויף, טוט זי אָן, און אַז מ'בעט איר אויס, לייגט זי זיך שלאָפֿן.

אַז די זין מיט די טעכטער זײַנען אויסגעוואַקסן, האָבן אָנגעהויבן קומען מחותּנים און זיי אויסגעשאַדכנט: ווען פֿאַר אַן איידעם און ווען פֿאַר אַ שנור, און אַזוי האָבן קלים מיט קלימיכעס פֿאַמעלעכן אויסגעגעבן אַלע קינדער, ביז ס'געקומען צו דער ייִנגסטער — דער מיזינקע.

קומען צוגיין מחותּנים. ס'געפֿעלט זיי פּראָסיע, וואָס זי איז אַזאַ געזונטע אויסגעוואַקסן, פֿאַרבויגן זיי זיך און רופֿן זיך אָן צו פּראָסיעס טאַטן — צו קלימען:

קלים, קלים, זײַ ניט קיין שלעכטער.
מיר זײַנען געקומען צו דיר,
דו זאָלסט אונדז געבן פֿאַר אַ שנור
די ייִנגסטע פֿון דײַנע טעכטער.



...זי איז געווען ווייער אַ ווײַלע, אז יענער קאָכט אָפּ, עסט זי.

רופֿט זיך אָן די מוטער צו די מעכוטאָנים:

— איך וועל אײַך זאָגן דעם עמעס, מײַנע טײַערע, די טאָכטער אונדזערע איז דאַווקע אַ שיינע און אַ פֿײַנע, מיט אַלע מאַילעס, אָבער מע קען בײַ איר ניט פּויעלן זי זאָל כאָטש טאָן אַ האַנט אין קאַלטער וואַסער.

הערן די מעכוטאָנים אַזאַ מאַיסע, לאָזן זיי אַראָפּ די קעפּ און רוקן זיך פּאַמעלעך אַרויס פֿון שטוב.

אַזוי איין פּאָר מעכוטאָנים, אַזוי די צווייטע און די דריטע.

איינמאָל אין אַן אָפּדערנאַכט קומען צופֿאָרן מעכוטאָנים פֿון אַ ווײַטן דאָרף, גייען זיי אַרײַן, טוען אויס די הילטלען, שטעלן אַוועק אויפֿן טיש ווײַן מיט פּאַרבײַסן, דערנאָך זעצן זיי זיך אויס אויפֿן לאַנגן באַנק און זיי זאָגן:

קלים, קלים, ס'זײַנען צו אונדז דערגאַנגען קלאַנגען—
דו קלײַבסט פֿון דײַן פֿעלד די גרעסטע זאַנגען,
דײַן טיש איז זאַט, דײַנע טעכטער—צעוואָקסן,
טאָ גיב אונדז דײַנע קיען,
וועלן מיר דיר געבן אונדזערע אָקסן.

רופֿט זיך אָן קלים צוריק אויך מיט אַ גראַם:

אייגענע מענטשן איז מיר ניט ליב צו נאַרן.
מײַן טיש איז זאַט,
מײַנע טעכטער זײַנען צעוואָקסן,
נאָר זײַט וויסן, ליבע האַרן,
אונדזערע קיען האָבן ניט די ווערט פֿון אײַערע אָקסן.

און ער האָט זיי דערציילט, ווי זײַן טאָכטער איז אַזוי דאַווקע מיט אַלע מאַילעס, נאָר זי פֿוילט זיך טאָן אַפֿילע אַ האַנט אין קאַלטע וואַסער, און ס'צו איר גאָר קײַן שום אייצע ניטאָ.

קוקן זיך איבער די מעכוטאָנים צווישן זיך און רופֿן זיך אָן:

— אויב מיר שטייען אײַך נאָר אָן פּאַר מעכוטאָנים, טאָ גיט אונדז אַפּ אײַער טאָכטער פֿאַר אַ שנור, וואָרעם מיר האָבן פֿאַר אַזעלכע זאַכן קײַן מוירע ניט. בײַ אונדז וועט זי טאָן אַלץ, וואָס מ'וועט דאַרפֿן.

— ווי אַזוי וועט איר עס בײַ איר פּויעלן?—דערפֿרעגן זיך פּראָסיעס עלטערן זייער נײַגעריק.

ענטפֿערן די מעכּוטאָנים:

— וואָס דאַרף עס אייַך אַרן? איר וועט שוין אַ סימען האָבן גרייטערהייט.

— נו, גוט.

האָט מען אָפּגעעפֿנט די פֿלעשער, מ׳האָט געטרונקען אַ לעכאַים, און אין אַ כּוידעש אַרום האָט מען אָפּגעפּראַוועט אַ כאַסענע און אַוועקגעפֿירט די יונגע שנור אַהיים.

אינדעווײַהיים באַם כאַסן האָט מען זיך געפֿרייט נאָך זיבן טעג מיט זיבן נעכט. דערנאָך זײַנען זיך די מעכּוטאָנים צעפֿאָרן, דער אוילעם האָט זיך אויסגעניכטערט פֿון דער כאַסענע, און יעדערער האָט זיך צוריק גענומען צו זײַן אַרבעט.

דער יונגער שנור האָט די שוויגער געהייסן, זי זאָל אָנשיטן פּראָסע אין סטאָמפּ און אָנשטויסן הירזש אַף קאַשע.

דערהערט די שנור אַזעלכע רייד, רופֿט זי זיך אָן:

— אָטאָ באַלד צעוואַרף איך זיך! בײַ מײַן טאַטן האָב איך קײַן איידעלערע אַרבעט ניט געטאָן, וועל איך זיך דאָ שטעלן פּראָסע שטויסן...

טוט זיך יעדערער אין שטוב זײַן אַרבעט, און פֿראָסקע, די יינגסטע שנור, זיצט זיך אָנאַזײַט, די הענט צונויפֿגעלייגט און סירירט זי קײַן קויל ניט.

געקומען צו וואַרמעס, האָט גענומען די שוויגער גרייטן צום טיש און דערלאַנגען עסן אין די שיסלען. יעדערן האָט זי אַנידערגעלייגט אַ הילצערנע לעפֿל אַ געשניצטע און איבערגעלאָזן אַן אָרט באַם טיש, און נאָר דער יינגערער שנור האָט זי אי קײַן לעפֿל ניט אַנידערגעלייגט, אי קײַן אָרט באַם טיש ניט געלאָזן.

זיצט זיך פֿראָסיע אָנדערזייט אַ ברויגעזע, עסן גלוסט זיך איר, אַזש די נעשאָמע קריכט, אָבער זי זעט, אַז ס׳איז שוין אַ פֿאַרפֿאַלענע זאַך.

אַפֿמאָרגן צעטיילט די שוויגער איטלעכן די שטוב־אַרבעט און פֿראָסיען הייסט זי ווײַטער אופֿשטויסן הירזש אַף קאַשע.

— גוט,—זאָגט פֿראָסיע—זי וועט אופֿשטויסן, און זי רירט זיך דערווײַל ניט פֿון אָרט. אַזוי איז זי געזעסן און געזעסן, דערנאָך האָט זי זיך אופֿגעהויבן, איז צוגעגאַנגען אַזויווי אַ נעכטיקע צום סטאָמפּ, האָט געגעבן איין קלאַפּ מיטן טוקאַטש, און זי זאָגט, אַז זי האָט זיך איינגעמיט, די

הענט טוען שוין איר ווי. און זי האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט אַף איר פריערדיקן אָרט.

אַלע טוען זייער אַרבעט, און זי זיצט און קוקט.

געקומען צו וואַרמעס, האָט די שוויגער געגרייט צום טיש, האָט דערלאַנגט עסן אין די שיסלען. דערנאָך האָט זי אַוועקגעלייגט יעדערן אַ לעפל אַ געשניצטע און פראָסיען אויך אַ לעפל מיט זעקס קאַרבן (ווייל זי איז געווען אין שטוב די זעקסטע) און איר איבערגעלאָזן אַ שיינעם אָרט באַם טיש.

פראָסיע האָט זיך שוין זייער אויסגעהונגערט, איז זי נעבעך געוואָרן פריילעך, וואָס מ׳האָט איר געלאָזן אַן אָרט באַם טיש, זי האָט זיך קוים דערוואַרט, אַז אַלע זאָלן אָנהויבן עסן, האָט זי זיך שוין אויך צוגעכאַפּט, אָבער ווי נאָר זי האָט אויפגעגעסן די ערשטע לעפל קאַשע, האָט באַ איר דער שווער אַרויסגענומען די לעפל פון האַנט, און די שוויגער רופט זיך צו איר אָן:

— גענוג, מיין קינד, דו האָסט איין שטויס געטאָן די פּראָסע, האָסטו שוין אויפגעגעסן איין לעפל קאַשע, מערער נעמט זיך דיר ניט אָן.

האָט זיך פראָסיע אָפגערוקט פון טיש זייער אַ פאַרשעמטע.

אַפּמאָרגן האָט שוין פראָסיע געגעבן צוויי קלעפּ מיטן טוקאַטש, האָט מען איר געגעבן צוויי לעפל קאַשע. און אַף איבערמאָרגן האָט זי געגעבן דריי קלעפּ, האָט מען איר געגעבן דריי לעפל קאַשע. דאָ האָט פראָסיע אַ קוק געטאָן, אַז ס׳איז אַ מאַיסע אָן אַ סאָף, מ׳קען נאָך אַזוי די פיס אויך אויסציִען, האָט זי זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר דער אַרבעט מיט אַזאַ אימפּעט, אַז ס׳שוין פאַר איר גאָרניט צו שווער געווען.— — — —

— — — — — — — — — — — —

ס׳ניט אַוועק קיין יאָר, איז געקומען צופאָרן קלים, דער טאַטע פראָסיעס, געוואָרע ווערן, וואָס מאַכט עפּעס זיין טאָכטער. אַז ער איז אַרופ אַפן הויף, האָט ער זיך אונטערגעשטעלט אונטערן פענצטער מיט אַ ציטערדיקן האַרצן און זיך גענומען צוקוקן. זעט ער, אַז פראָסיע קאָכט און באַקט און קערט און רוימט, אַזוי ווי די שענסטע באַלעבאָסטע. האָט ער זיך זייער דערפרייט און איז שוין אַריין מיט אַ גרינגן האַרצן אין שטוב אַריין.



...זעט ער, או פּראָסיע קאכט און באַקט און קערט און רוימט.

אַז די שטוב־לייט האָבן דערזען דעם מעכוטן, האָבן זיי אים געמאַכט אַ וואַרע און מ׳האָט אים אופגענומען זייער פאַר אַ גרויסן גאַסט:

— מיר דאנקען דיר, — זאָגן זיי, — מעכוטן, פאַר דיין טאָכטער, זי איז באַ אונדז אַזאַ גאָלדענע טוערן, וואָס די צווייטע איז גאָר אין דאָרף ניטאָ.

און מ׳האָט אָנגעשטעלט אויפן טיש פון דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, קעדיי דעם גאַסט וואָס שענער מעכאַבעד זיין. און דער פאָטער פראָסיעס זיצט זיך, באַטראַכט אַלצדינג און קלייבט גרויס נאַכעס.

דערווייל האָט פראָסיע דערהיט אַ רעגע, ווען די שטובלייט האָבן זיך ערגעץ אָפגעקערט, איז זי צוגעלאָפן צום פאָטער און אים גיכער איינגערוימט שטילערהייט אויפן אויער:

טאַטעשי, טאַטעשי, זע זיך ניט אַזוי,
באַדאַי די פאָלע דריי,
אָדער אַ קנעפל פאַרניי,
אַז ניט, וועט מען דיר דאָ קיין עסן ניט געבן!!!

דאָ האָט שוין דער טאַטע פאַרשטאַנען, ווי אַזוי ס׳איז אַלץ פאָרגעקומען. האָט ער איבערגעגעכטיקט, באַדאַנקט די מעכוטאָנים פאַר זייער גוטסקייט, באַוואונדערט זייער קלוגשאַפט און איז אַוועקגעפאָרן אַהיים מיט אַ פריילעכן האַרץ און מיט אַ גוטן געמיט.

---

# אַ מאַיסעלע.

איִך וויִל אײַך דערצײלן אַ מאַיסעלע מיִט פיִניען דעם סאָלדאַט, מיִט זײַנע צוויי ייִנגלעך אַווראָם און זאַלמען, מיִט טײַבעלעך און מיִט דער קאַץ. איִך ווייס ניִט, ציִ די מאַיסע איִז אַ שיינע, אָבער דערפאַר איִז זי אַן עמעסע.

אַז פיִניע איִז געוואָקסן איִן אַ דאָרף, ווייסט איִר מיִסטאָמע אַלע. געבאָרן געוואָרן איִן אַ דאָרף און געוואָקסן, געפיִרט מיִטן טאַטן אָקסן אַף די יעריִדן ביִז ער איִז געוואָרן אַ גרויסער און איִז אַוועק איִן סאָלדאַטן. זיִך אויסגעדיִנט איִן סאָלדאַטן, איִז ער געקומען אַהיים און כאַסענע געהאַט. אַז ער האָט כאַסענע געהאַט, האָט איִם די ווײַב געהאַט צוויי ייִנגלעך: איינער אַוורָאם און איינער זאַלמען. האָט זיי פיִניע ליִב געהאַט די ייִנגלעך. די ווײַב האָט נאָך געהאַט מיידלעך אויך, נאָר ביִז די מיידלעך האָבן באַדאַרפט וואַקסן, זײַנען שוין די ייִנגלעך געוואָרן גרויסע,—אַווראָמען איִז געוואָרן 7 יאָר און זאַלמענקען—6. טאָקע געזונטע צוויי יונגאַטשעס. אַז פיִניע גייט איִן אַ יאָנטעוו־טאָג שפאַציִרן, פיִרט ער איינעם פאַר דער רעכטער האַנט און איינעם פאַר דער ליִנקער.

גייט איינמאָל דער טאַטע אַוועק אַפן דאָרף אָנשלאָגן רייפּן אַף דער דייזשקע און ברענגט צוטראָגן אַווראָמען מיִט זאַלמענקען, טרעפט וואָס?

צוויי... קליינינקע טײַבעלעך!

אָבער שוין איינמאָל טײַבעלעך!

גאָר אַזוינס ווי אַזעלכס.

מיִט אַזעלכע העלדזעלעך, מיִט אַזעלכע קעפּעלעך; און פעדערלעך זײַנען באַ די טײַבעלעך—אוי, שיינינקע! ניִט ווײַס, ניִט גריִן. איִז, אַז זיי גייען



...גייט איינמאָל דער טאַטע אַוועק אַפֿן דאָרף און ברענגט צוטראָגן צווײ... קלײנינקע טײַבעלעך.

(זיי קענען אַרומגיין אויך די טײַבעלעך), טוקן זיך באַ זיי די העלדזעלעך. די קעפּעלעך אויך.

זאַלמען וויל זיי כאַפּן.

שרײַט אָף אים אַוראָם:

— גיי,—שרײַט ער אָף אים,—גיי אַוועק, זאַלמענקע, זיי וועלן ניט וואַקסן, אַז דו וועסט זיי טאַפּן מיט די הענט!..

און באַ דעם טאַטן איז די באָרד אַ ווײַסע, לאַכט ער, ווי אַזוי די כעוורע שפּילן זיך מיט די טײַבעלעך, און עסט דערווײַל לאַטקעס מיט האָניק. גיך עסט ער די לאַטקעס מיט האָניק, ווײַל ער דאַרף נאָך גיין צו דער אַרבעט.

— זע נאָר, טאַטע,—שרײַט אַוראָם,—ער שרעקט די טײַבעלעך אָט דער זאַלמען קאַלמען... איאָ זיי וועלן ניט וואַקסן די טײַבעלעך, אַז מ׳טשעפּעט זיי מיט די הענט?

— מ... מ... אַוואַדע וועלן זיי ניט וואַקסן!—ענטפערט דער טאַטע און שטופּט די לאַטקע מיט האָניק אין מויל אַרײַן—גייט, גיט זיי בעסער אַ ביסעלע הירזש, שיט זיי אָן אין אַ שיסעלע!

האָבן זיך אַוועקגעשפּאַרט ביידע כעוורע אין קיך אַרײַן נאָך הירזש, יעדערער וויל פריער כאַפּן דאָס שיסעלע, שלאָגן זיי זיך אָפּן וועג, אַוראָם מיט זאַלמענען, און שטופּן זיך מיט די עלנבויגנס.

און די טײַבעלעך—טאַקע שיינינקע טײַבעלעך—האָבן זיי שוין גאָר קיין מוירע ניט, זיי גייען זיך אַרום אונטערן טיש און אונטער דער קאַנאַפּע. און אַז זיי ווילן, פליען זיי גאָר אַרוף אָף דער שאַפע.

— אוי, טאַטע,—שרײַט זאַלמען,—זיי וועלן נאָך איבערקערן די שאַפע!

— ניין, ניין, זיי וועלן ניט איבערקערן,—מאַכט דער טאַטע,—זיי זײַנען ניט קיין שווערע.

* * *

געוווען באַ בראָכען, באַ דער מאַמען זייערער, אַ קאַץ אין קיך. אין שטוב זעט מען זי ניט. שטענדיק זיצט זי אין קיך: דאָרטן וואַרפט מען איר אַראָפּ אַ ביינדל; דאָרטן גיט מען איר אַ טעלער אָף אויסלעקן, דאָרט

מאַכט זיך אַמאָל, אַז מײַזעלע לויפֿט דורך. און אין קיך איז טאַקע זייער וואַרעם.

אַ גרויסע איז זי די קאַץ. אַ ראַבע און אַ שווערע. די יאָטן שפּאַנען זי אַמאָל אײַן אין לייצעס און אין אַ שלייע, זי זאָל זײַן אַ פֿערד, ווײַל זי ניט זײַן קיין פֿערד — זי וויל בעסער פֿאַרקריכן אַפֿן אויוון ווײַט־ווײַט, זיך אײַנדרייען אין שמאַטעס און שלאָפֿן.

אַז מ׳האָט געבראַכט די טײַבעלעך, האָט זי זיך אַרײַנגעוויזן אין שטוב אַרײַן אָט די קאַץ, זיך פֿאַרזעצט אין אַ הינקעלע און געקוקט.

— וואָס קוקסטו?! — איז צוגעלאָפֿן צו איר אַווראָם און זי געגעבן אַ קנאַק מיטן האַנטעך.

— זי וויל זיך שפּילן מיט די טײַבעלעך, — זאָגט זאַלמען.

— יאָ?! זיך שפּילן?! — אַ קאַץ קאָן אויפֿעסן אַ טײַבעלע אויך!

— אַ קאַץ קאָן ניט אויפֿעסן קיין טײַבעלע, — זאָגט זאַלמען.

— נו־נו, דו ווייסט זייער. זאַלמענקע! — און אַוועקגעטריבן מיטן האַנטעך די קאַץ.

איבערגענעכטיקט האָבן די טײַבעלעך אין שטוב, גאַנץ פֿרי האָבן די כעוורע אַרויסגעטאַנצט פֿון די בעטן און גענומען קערן די וועלט.

— איר הערט ניט אויף איבערקערן די שטוב, — האָט אויסגערופֿן די מאַמע מיט אַ קאַס, — אָט וואַרף איך אײַך אַרויס מיט די טײַבעלעך אינײנעם.

און די ייִנגלעך ווילן ניט מע זאָל אַרויסוואַרפֿן די טײַבעלעך, מע דאַרף נאָך ערשט אויפֿקלאַפּן אַ טויבן־שלאַק, און דאָרטן וועלן די טײַבעלעך לייגן אייעלעך. דער טאַטע האָט אַליין געזאָגט: און עס וועלן זיך אויספֿירן פֿאַרן זומער אַסאַך טײַבעלעך. זונטיק ווען דער טאַטע האָבן צײַט, וועט ער העלפֿן מאַכן אַ טויבן־שלאַק.

— קום, זאַלמען, — זאָגט אַווראָם, — מירן טראָגן די טײַבעלעך אַפֿן בוידעם, דאָרט וועלן מיר זיי האַלטן.

— און טאָמער וועלן קומען סאָלדאַטן, וועלן מיר זיצן אַפֿן בוידעם און מירן היטן.

פאַרטראָגן די טײַבעלעך אַפן דאַך און זיי אָנגעטראָגן אַהין עסן און טרינקען. זאַלמען קען ניט אײַנהאַלטן די טײַבעלעך, זיי רײַסן זיך פון די הענט—טראָגט זיי אַווראַם. און ס׳איז גוט.

זיי גייען צוריק, ערשט די קאַץ זיצט אַפן לייטער און באַלעקט זיך. קוקן קוקט זי אַפצוקלוימערשט אינערגעץ ניט. דערזען די ייִנגלעך, איז זי אַראָפגעשפרונגען און גיך אַרויסגעלאָפן אינדרויסן.

אַ גאַנצן טאָג, אַז די ייִנגלעך קריכן אַפן בוידעם אין פון בוידעם, די היטלעך אָף אַ זײַט, די מײַטקעס צעריסן, אויסגעשמירטע און האָבן ניט קײַן צײַט אַפילע אָפצועסן.

געקומען די באָבע, דער מאַמעס מאַמע, פרעגט זי:

— פאַרוואָס זײַנען דאָס די ייִנגלעך ניט געקומען זיך שפּילן, ניט נעכטן אַ גאַנצן טאָג, ניט הײַנט אַ גאַנצן טאָג?

—אוי,—זאָגט די מאַמע,—ס׳איז דען ייִנגלעך, פאַראַן ערגעץ אַזעלכע? ס׳גיט קײַן ייִנגלעך, ס׳בריטאַנעס. דעם גערעטענעם טאַטן זייערן האָט זיך פאַרגלוסט טייבעלעך, האָב איך שוין קורצע יאָרן פון זייערע טײַבעלעך!

— און איך האָב געמיינט,—זאָגט די באָבע,—אַז זיי זײַנען כאָלילע שלאָף.

צוגעגאַנגען די באָבע, אָפגעווישט איין ייִנגל די נאָז, אָפגעווישט דעם אַנדערן די נאָז... (זי האָט אַ נאַטור די באָבע ווישן די אייניקלעך מיטן פאַרטעך די נעזער. ווישט זי אָבער אַזוי שטאַרק, שיר וואָס זי ווישט זיי אינגאַנצן ניט אָפּ).

— הערסט אַ מאַיסע,—זאָגט די באָבע,—האָט איר שוין גאָר טײַבעלעך, האָט איר?

— נאָט אײַך, קינדער, צו קיכלעך,—און די באָבע נעמט אַרויס פון פאַרטעך־קעשענע צוויי רעטשענע קיכלעך אין גיט: דעם איינעם און דעם איינעם.

— קום, מירן אוועקטראָגן די טײַבעלעך עסן!—שרײַט זאַלמען,—אַווראַם, אַווראַם, די טײַבעלעך עסן קיכלעך?

זיי לויפן אַוועק דורך דער קיך־טיר אַפן בוידעם און זעען: איין טײַבעלע פליט אַרום מיט דערשראָקענע אויגעלעך דאָ אַהער, דאָ אַהין, און דאָס אַנדערע איז עפּעס ניטאָ.

— ווו קען דאָס זײַן דאָס אַנדערע טײַבעלע?...

זיי זוכן, זיי אַקערן איבערן בוידעם,—ניטאָ דאָס טײַבעלע אינערגעץ. זײַנען די יינגלעך צעטראָגן געוואָרן, די היטלעך האָבן זיך בײַ זיי אַראָפּגערוקט אַריבער די אויגן, פֿון די נעזער רינט, און ס׳איז זיי הייס. זיי נעמען שרײַען פֿון בוידעם, ערשט די קאַץ טוט אַ לויף אַרויס פֿון אַ ווינקל, שפּרינגט אַרויס דורך דער הויז־טיר און אויפֿן גאָרטן: די ראַבע קאַץ די שווערע!

אַוורהם מיט זלמענען האָבן זיך גענומען יאָגן נאָך דער קאַץ. זיי וועלן זי נאָר האַרגענען. אויף טויט וועלן זיי זי האַרגענען! און קענען זי אָבער ניט כאַפּן. זי שפּרינגט איבער די פּלויטן, איבער די גערטנער און גלײַך צו דער באָד אַוועקגעלאָפֿן.

— אוי, סאַ טײַערע טײַבעלע,—שרײַט אַוורהם.

— אוי ווי, אַזאַ טײַבעלע,—רעפּעט זיך זלמען.

געוויס האָט זי די קאַץ געפּאַטערט! די שווערע קאַץ! די גראָבע!

און אויפֿמאָרגן אוי ווי, אויפֿמאָרגן איז נאָך געגאַנגען די בעדערין און געפֿונען אויפֿן גאַנצן גאָרטן, איבער אַלע בייטן זײַנען געווען צעזייט פֿאַרבלוטיקטע פֿעדערלעך...

— אוי ווי, פֿון דעם טײַבעלע די פֿעדערלעך?!

אַוורהם וויינט און זלמען וויינט, זיי מוזן האַרגענען די קאַץ!

אַזאַ קאַץ אַ געזונטע זאָל גאָר גיין דערוואַרגן אַזאַ פּיטשענקע טײַבעלע.

— זי גאַנוועט זיך נאָך פֿון נעכטן אָן,—שרײַט אַוורהם,—איך וועל איר ווײַזן! איך וועל זי האַרגענען, צום טויט וועל איך זי האַרגענען!

— ניין, מ׳דאַרף איר אויסשנײַדן די צונג,—שרייט זלמען—מ׳דאַרף איר אויסשניידן די צונג דערפֿאַר, וואָס זי האָט געגעסן דאָס טײַבעלע.

אַוורהם איז אַ קאַעסניק און אַ רירנדיקער. זײַן טאַטע איז דאָך געווען אַ סאָלדאַט. ט׳ער געכאַפּט דאָס מעסער פֿון קיך, ער און נאָך יינגלעך און זיי זײַנען אַוועקגעלאָפֿן נאָך דער קאַץ.

אונטער דער שטאַל האָבן זיי זי געפּאַקט און איר עפּעס געטאָן דער קאַץ. וויפֿל זי האָט ניט געוויינט, וויפֿל זי האָט זיך ניט געביסן מיט די

ציין און זיך ניט געדראַפּעט, האָבן זיי איר עפּעס געטאָן און עס האָט באַ איר געגאָסן בלוט באַ דער קאַץ פון מויל.

ס׳האָלט דאַרפן זײַן אַ ליגן, נאָר זאַלמען דערציילט, אַז ס׳איז אַן עמעס.

— מיר האָבן איר אויסגעשניטן,—דערציילט ער,—די קאַץ די צונג.

און נאָך עפּעס דערציילט ער אויך:

— די מאַמע,—דערציילט ער,—האָט געשמיסן אוורהמען פאַר דער קאַץ מיט אַ רוט. פאַר אַזאַ קאַץ,—דערציילט זאַלמען באַ דער מומע אין שטוב,—פאַר אַזאַ קאַץ דאַרף מען ניט שמײַסן. זי איז אַ שלעכטע. זי וועט זיך שוין מער ניט גאַנווענען צו קײַן טײַבעלעך, זי האָט שוין ניט מיט וואָס צו עסן.

דערווײַל פליען אַרום די פעדערלעך אַפן גאָרטן, די יינגלעך לויפן אַלע מאָל קוקן צו דער איין טײַבעלע, זיי שלעפן דעם טאַטן אַהין און קלײַבן האָס אַף דער קאַץ, אַווראָם קלײַבט זיך נאָך ערשט איר אָפּהאַקן מיט אַ האַק דעם עק.

איין קאַץ איז נאָר פאַראַן אין שטאָט אָן אַ צונג, און די איבעריקע וויס מען ניט; דערווײַל געפּאַטערט אַזאַ שיינינקע טײַבעלע.

---

און אַז די יאַטן וועלן אויסוואַקסן גרויסע, און מירן לעבן און זיך מיט אײַך ווידער אַמאָל באַגעגענען, האָב איך אײַך נאָך עפּעס וואָס צו דערציילן פון זיי.



# אַ גאָרטן בעשוטפעס.

הינדע מיט הערשעלען זיינען אַ שוועסטער מיט אַ ברודער. הינדע איז אַלט עלף יאָר, און הערשל—אַכט יאָר.

הינדע קאָן אַלצדינג מאַכן, וואָס זי קלערט נאָר צו—זי נייט אַליין אויף אַ ליאַלקע, מאַכט איר קליידער, קלאַפּט אַליין אויף אַ בעטל, און הערשל קוקט און איז מעקאַנע. ס׳געפעלט אים.

דערפאַר אָבער—הייסט מען זיי עפּעס טאָן, איז הערשל פאָלגט באַלד און טוט ווי מע הייסט אים; הינדע וויל ניט פאָלגן. און אויב זי פאָלגט שוין יאָ, טוט זי עס אַזוי אויף, אַז מע שרייט אף איר דערנאָכדעם.

אַז מען הייסט איר גיין אַרויסטרייבן דעם כאַזער פון גאָרטן, וויל זי ניט עפּענען ס׳גאָרטן־טירל — זי דאַרף, זאָגט זי, דעם כאַזער פריער גוט אָנבייקערן. און אַרומיאָגנדיק זיך, צעטרעט דערווייל דער כאַזער די בייטן.

מען הייסט איר, לעמאָשל, גיין אַקוק טאָן, ווו די גענדז זיינען, לאָזט זי אַרויס. אין איין גאַנג דאָס קעלבל—זי וועט עס פאַשען, זאָגט זי, און דאָט קעלבל פאַרייסט ס׳עקל, טוט אַ דריגע מיט די פיסלעך און זאַנצט אַוועק איבער דער גאַנצער ברייט פון דער לאָנקע.

זי לויפט נאָך און ווייס ניט וואָס אָנהויבן:
וויינען אָדער לאַכן.

ביז די שטוב־לייט דערזעען, לויפן אַרויס, און דער ברודער פירט שוין אַפן גאָרטל, אַ פאַרסאָפּעטער, דאָס זיך רייסנדיקע קעלבל צוריק אַהיים.

און נאָך האָט זי ליב, הינדע, פירן אַ באַלעבאַטישקייט, ווי אין שטוב פירט זיך.

באַקט מען ברויט, באַקט זי אויך.

קליינע בריטעלעך באַקט זי.

אַ קליין דיישקעלע האָט זי, קליינע עמערלעך און נאָך קיילים און זאַכן, וועלכע צו וואָס ס׳פּאָדערט זיך.

שוין פון אַ וואָך, אַז הינדע וואַרט מע זאָל דעם גאָרטן אַקערן, וועט זי אויך פאַרזעצן איר קליין גערטנדל.

בײַ איר אין קאַמאָד פון שוועבל-קעסטעלעך האָט זי אַ באַזונדערע פּאַפּירעלעך פאַרשיידנערליי בלומען-זוימען. אָף זוימען פון גאָרטנוואַרג לייגט זי ווינציקער אַכט—יענע וועט זי אַראָפּנעמען פון דער מאַמעס, ווען די מאַמע וועט זייען.

אירע זוימען זײַנען בײַ איר מיט הערשעלען בעשוטפעס.

ער האָט איר דערפאַר אָפּגעגעבן זײַנס אַן אָנגעמאָלט קאַרטל און אַ רימען-בײַטעלע.

זי צונעמט די קראָם אירע און ווײַזט אים:

— דאָס איז נאַסטורציס—ווײַזט זי אים אין אַ פּאַפּירעלע זוימען—ווי פּיסטאַשקעלעך קליינע זעען זיי אויס—שיינע קווייטעלעך, זאָגט זי, וועלן אויסוואַקסן אַזוי ווי די פּאַסאָלקעלעך.

— און דאָס—צעוויקלט זי אים זוימען ווי גריקע־קערנער—דאָס איז גראַמאָפאָנטשיקלעך.

צעלאַכט זיך הערשל. ס׳געפעלט אים, וואָס זי זאָגט גראַמאָפאָנטשיק־לעך, נאָר הינדע איז פאַרטאָן.

— אַוואַדע, זאָגט זי, ווי גראַמאָפאָנטשיקלעך צעבליען זיי זיך. און דאָס איז אַרגאָניע—סאַמעטענע קווייטן, ווי פויסטן די גרויס. דו האָסט געזען בײַ האַנען לעם פענצטער וואַקסן זיי?—אַזעלכע שיינע... איינמאָל פאַרזייט מען זיי, וואַקסן זיי עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד... נאָר אַף ווינטער פאַרדעקט מען זיי מיט שטרוי.

הערשל שווײַגט און שווײַגט און מישט זיך צום סאָף אַרײַן:

— בעסאַכאַקל, זאָגט ער, האָט דוואָירע געזאָגט, אַז אָט די קליינינקע מאַדעלעך זײַנען ניט קיין בלומען, נאָר רעטעכער.

— טאַ גיי, זאָגט הינדע, צו דוואָירען, זי ווייסט אַזוי ווי דו, און דו אַזוי ווי זי.

שטייט הערשלען ניט אָן. ער זאָגט, אַז ער וועט גאָר פֿאַרזעצן זונען־רויזן, און סטרוטשעס וועט ער פֿאַרזעצן.

און זי — זאָגט הינדע, — וועט אַרומצוימען די אָזשינעס, וואָס אין לאַנגן גאָרטן, און וועט נאָך אַהין פֿאַרפֿלאַנצן אַלערליי בוימעלעך, אויך פֿלאָימען־בוימער און באַרן־בוימער און אַגרעסן. אים וועט זי אין סאָד אַריין אַפֿילע ניט לאָזן אַ שמעק טאָן. די בלומען וועט זי זעצן נעבן שטוב פֿאַרן פֿענצטער. און אַ גאָרטן וועט זי האָבן אַכוץ...

און געבליבן איז פֿונדעסטוועגן, אַז אי די בלומען, אי די גערטנער זעצן זיי בעשוטפֿעס.

איינמאָל גאַנץ פֿרי כאַפּן זיי זיך אויף, די צימערן זײַנען געווען געפּאַקט מיט זון, טיר און פֿענצטער זײַנען אָפֿן, די לופֿט איז געווען פֿאַרשמעקט מיט גרינס, וואָס פֿון יענער זײַט פֿענצטער, און מיט פֿויגל־געזאַנג פֿון די פֿייגעלעך, וואָס האָבן אין די לאָדן־נעסטן זיך אומגעקערט.

אין איינע העמדער זײַנען זיי אַראָפּגעשפּרונגען פֿון די בעטן — און גלײַך דורך די אָפֿענע פֿענצטער אין דרויסן אַרויסגעשפּרונגען.

נעבן שטוב שטייט אַף דער זון אַ וואָגן אַן אויסגעשפּאַנטער.

אַפֿן וואָגן — אַ באַראָנע מיט אַ בינטל צווײַגן בעריאָזעווע, זאַפּטיקע, מיט נאָר וואָס פֿון די קנאָספּן אויסגעשיילטע יונגע, קלעפּיקע בלעטלעך.

— אָ! — האָבן הינדע מיט הערשעלען לוסטיק אויסגערופֿן און זיך געלאָזט צום גאָרטן.

דורך די פֿלעקער האָבן זיי דערזען, ווי אַ פּאָר רויטע אָקסן מיט גרויסע הערנער גייען נאָך נאָכן שטריקל בײַ אַ קליין פּויערים־מיידעלע אין האַנט.

די אָקסן קומען צו צום סאַמע פּלויט און דאָרטן קערעווען זיי זיך מיטאַמאָל אויס מיט אַ גלאַנציקן אַקער און מיטן נידעריקן „לײַוונטענעם“ פּויערל, וואָס האַלט זיך אָן אין אַקערס הענטלעך.

לעבן גאָרטן־טירל האָבן זיי די לעדערנע טאָרבע און די סוויטקע דעם פּויערס אַריבערגעשפּאַנט און געהרוזנעט מיט די באָרוועסע פֿיס אין פֿרישע, נאָר וואָס איבערגעקערטע פּלאַסטן ערד.



...אין איינע העמדער זייגען זיי אַראָפּגעשפּרונגען פון די בעטן—און גלייך דורך די אָפענע פענצטער אין דרויסן.

הערשלען זײַנען געפֿעלן געװאָרן די אָקסן, גרױסע אָקסן און רױטע, אײַנגעגאַנצן רױטע, און הינדען — דער אַקער, װאָס גלאַנצט און קערט אױס פֿלאַכעסװײַז שװאַרצע שלענגלדיקע שורעס ערד. בײדע כאַפּן קלײַבן די שטײנער פֿון אונטערן אַקער און װאַרפֿן איבערן פּלױט אַריבער.

שורעסװײַז, שורעסװײַז קערט אױס דער אַקער פֿלאַכעס ערד, און דאָס פֿױערל דרײט זיך נאָך די אָקסן אַרום. אײן ניט־איבערגעאַקערטער שמאָלער פּאַס װײַסט זיך נאָך אין מיטן, באַשפּרײט מיט פֿאַראַיאָריקע פֿאַרפֿױלטע קאַרטאָפֿל־שטענגעלעך.

— אױ־װײ! — שרײַט אױס הערשל, — זעסט? אַ װאָרים, אַ גרינער, װי אַ שלאַנג, אָטאָ איז ער, — און ער נעמט אים אַרױסקאַלופּען מיט אַ שטיקל שפּענדל.

— טשעפּע ניט, — טוט אים הינדע אַ שלעפּ פֿאַר דער האַנט, — אַז דו װײסט ניט. אַזעלכע „װערימער" צערײַען די ערד אײַנעװײניק, װאַקסט בעסער.

און מיט זײער „שפּײַעכץ" מאַכן זײ נאָך פּעט די ערד אױך.

דאָס קורצע פֿױערל שטױסט זיך אָן, װאָס די קינדער רײדן צװישן זיך.

— סאָפּ־העטיאַ, — טרײַבט ער די אָקסן, צעשמײכלט זיך אין זײַן געלבערדל אַרײַן און זאָגט אױף געמישטן ייִדיש־גאָיש:

— יאָ, יאָ, אַ גוטעס, אַ גוטעס װאָרימלעך, ניטשעפּאַי, אַ גוטעס.

הערשל טוט אַ קוק אױפֿן שיקסעלע און פֿאַרשעמט זיך. הינדע זאָגט: „װין ני זנאַיע" — און װאַרפֿט די שטײנער איבערן פּלױט.

אַז דער פֿױער האָט געשטעלט די אָקסן צום בינטל ,״״, װאָס אין װאָגן, האָט ער אַ קוק געטאָן צו דער זון און אַ װוּנק געטאָן צו דעם שיקסעלע, זי זאָל געבן די טאָרבע.

הינדע מיט הערשלען האָבן קײן אױג ניט אַראָפּגענומען פֿונם פֿױערמיטן מײדעלע, װי אַזױ זײ שטעלן צײן אינם שװאַרצן ברױט און אין די װײַסע שטיקלעך קעז.

דאָס פֿױערל שנײַדט מיטן מעסער, װאָס הענגט אױפֿן רימענעם גאַרטל, בלעטעלעך פּוטער.

זיי ריידן ניט אויס קײן וואָרט צווישן זיך און היטן—קיין ברעקל זאָל ניט אַראָפּפאַלן.

— וואָס קוקט איר אין די אויגן?—האָט זיי די עלטערע שוועסטער אופגעוועקט.

זיי האָבן זיך ביידע פאַרשעמט און אַרײַנגעפאַלן מיט אַ טאַינע:

— עסן! גיב אונדז עסן. אָנבײַסן!

די יאַטן האָבן זיך אָנידערגעזעצט מיט זייער אָנבײַסן אַפן גרינעם בערגעלע אַנטקעגן, אָפּגעכאַפּט די איבערגעמישטע ברויט מיט סמעטענקע און געוואָרט שוין, אַז דאָס פויערל זאָל גיכער נעמען איבערשיטן שוין דעם פלויט.

דאָס פויערל האָט אָבער צײַט. עסט רויק, פּאַקט אַף ביידע באַקן, דער שטערן שוויצט אים, און גיט אַלץ אַכטונג—קײַן איין ברעקל זאָל אים ניט אַראָפּפאַלן אַף דער ערד.

דאָס מיידעלע עסט אויך, ווי דער טאַטע אירער, נאָר טשאַמקעט געשמאַקער און קוויטשיק־היכיק.

די גרויסהערנעריקע רויטע אָקסן ווילן די היי ניט עסן, איז איינער קײַט שטייענדיק די זשויקע און איינער ליגנדיק, מיט אײַנגעקנייטשטער פעל באַ די העלדזער ציען זיי די גלאַטע יאַרמאָ, די יאַרמאָ טוט אַ סקריפּ און לאָזט זיך ניט צוציען.

— קום,—זאָגט הינדע,—לאָמיר דערווײַל קלײַבן שטעקלעך מיט פלעקלעך אַף אונדזער אייגענעם פלויט.

— קום,—זאָגט הערשל.—און ווו וועלן מיר אים צאַמען, לעם שאָפּע־וואַנט?

— אָטאָ באַלד—טאַינעט הינדע מיט אַ קאַס,—אין שאָטן וועט דען באַ דיר עפּעס אויסוואַקסן? אַף דער זון דאַרפן מיר אונדזער גאָרטן צאַ־מען.

דאָס פויערל שלעפּט שוין פון וואָגן דאָס פוכקע בינטל צווײַגן, שלעפּט צו צום פלויט און נעמט פּרוּון, וועלכע פלעקער וואַקלען זיך אי פלויט.

הינדע מיט הערשלען האָבן זיך גענומען פלײַסיק צאַמען זייער גאָרטן.

די האַק האָט מען זײ אין שטוב ניט געלאָזן נעמען, האָבן זײ איבער־געבראָכן איבער די קני די שטעקלעך און מיט אַ שטיין אַרײַנגעקלאַפּט טיף־טיף אין דער ערד.

הערשל קלאַפּט אויך, נאָר ווען הינדע הייסט עפּעס דערלאַנגען, וואַרפט ער דאָס קלאַפּן און לויפט.

— צווײַגן ברענג, — שאַפּט זיך הינדע.

לויפט הערשל איבער די פרישע הרודעס ערד און קלײַבט אָן לעבן פויערל אַ הויפן קלײנע ריטלעך, צווײַגלעך, אין דער זײַט אָפּגעוואָרפענע, און שפּאַרט זײ פאַר זיך.

אַ דרײַעקיקער איז בײַ הינדען דער גאָרטן, בײַם פּלויט, וואָס צום גאַס צו אַרויס.

מיט די צווײַגלעך האָט זי די פּלעקלעך צווישן איבערגעפלאָכטן.

די פלעקלעך זײַנען טרוקענע געווען און די צווײַגעלעך פײַכטע, זאַפטיקע און בויגעוודיקע.

און דער צאַם איז שוין פאַרטיק.

הערשל קוועלט און גלויבט זיך ניט, אַז אין דעם פּלויט האָט ער אויך אַ כײלעק:

ער האָט מיט הינדען צוזאַמען געאַרבעט.

נאָר פונוואַנען פון וואָס קומט אָן די עלטערע שוועסטער און מאַכט אַ גרויס געלעכטער.

— נו, און באַראַנעווען? — זאָגט זי...

הינדע מיט הערשלען זײַנען געבליבן שטיין פאַרשעמט און ווי באַ־טריבט:

ווי אַזוי וועלן טאַקע די אָקסן באַראַנעווען זײער גאָרטן...

נאָר אין דער רעגע גיט זיך הינדע אַ כאַפּ.

— אַ דאַיגע איך האָב — זאָגט זי, און פאַרשאַרט די האָר, וואָס פאַלן איר איבערן אָפּגעברענטן פּנים.

— איך וועל מיט אַ הראַבליע...

— מיט אַ הראַבליע איז נאָך בעסער!

און ניט געקלערט, לויפט זי צום שאַפּע. נאָר הערשל האָט זי אַרי־בערגעיאָגט און טראָגט איר אַנטקעגן די הראַבליע מיט די אײַזערנע ציין,



....הערשל צעקלאפּט די ערד מיטן גראַבאייזן, און הינדע צעשאַרט.

— מיט די אײַזערנע ציין, זאָגט ער, וועט זײַן גוט.

די עלטערע שוועסטער וויל זיי העלפן שאַרן, לאָזט זי ניט הינדע-אליין וויל זי מאַכן.

אַביסל שאַרט זי, אַביסל הערשל. איז דאָך אָבער שווער, לויפט הערשל און ברענגט זייער קליינינקן גראָבאײַזן.

הערשל צעקלאַפּט די ערד מיטן גראָבאײַזן, און הינדע צעשאַרט. די ווערים טשעפּעט ער שוין ניט, הערשל: ער ווייסט, ער געדענקט שוין, אַז זיי זײַנען גוט פאַר די געוויקסן.

דער פויער האָט נאָך ניט געהאַט געענדיקט דעם צאַם איבערשיטן, איז שוין בײַ הינדען און הערשלען געווען דער גאָרטן פאַרצאַמט און צע-בראָנעוועט.

די זון האָט געבאַקט און געדאַמפּט די פײַכטקייט פון דער פרישער נאַסער ערד. הינדע מיט הערשלען זײַנען געווען אָפּגעבערענטע, פאַר-שוויצטע און מידע-צופרידענע האָבן זיי נאָך זיך געשלעפּט דעם גראָב-אײַזן מיט דער האַבליע.

— וואָס קוקסטו צום הימל,—פרעגט הינדע.

— אַ רעגן... קוק איך, ווען וועט גיין,—זאָגט הערשל ערנסט.

---

# די באָרוועסע שפּענער.

געשענקט דער רידניער ייִדישער אַרבעט-שול
באַם לעדער-פֿאַריין.

(ראַדאָמיסל).

איר ווייסט די מאַיסע מיט די באָרוועסע שפּענער? איך ווייס.

געווען איז אַ מיידעלע. איר טאַטן האָט מען צוגענומען אין סאָלדאַטן, די מאַמע איז אַוועק דינען. איין שטיק ברויט האָט זי געהאַט, האָט זי געגעסן מיטן ברודערל צו קליינע שטיקעלעך. געגעסן, געגעסן, איינמאָל אַפּדערנאָכט האָבן זיי דאָס לעצטע שטיקעלע אופגעגעסן.

גייט אַרויס דאָס מיידעלע אינדערפרי פֿאַרן הויף און זעט!—אינדערפריענדיקע מיידלעך באָרוועסע גייען אין אַ שערענגע:

— ווו גייט איר עס, מיידלעך, אַזוי פרי?

— אין וואַלד אַרייַן גייען מיר, שפּענער קלייַבן.

— וואָס וועט איר טאָן מיט די שפּענער?

— מירן בייַטן אין שטאָט אַף ברויט.

— טאָ נעמט מיך אויך!—זאָגט דאָס מיידעלע.

— קום!

קומען זיי, די מיידלעך, אין וואַלד און הייבן אָן שפּענער קלייַבן. ערשט פונוואַנען פון וואָס קומט אָן דער פאָרעץ מיט די בייזע הינט און רופט זיך אָן:

— אָט ווער די גאַנאָווים זייַנען!—ווער האָט אייך געזאָגט, אַז מע מעג דאָ שפּענער קלייַבן—איר האָט דאָ אָנגעגרייט?



...אָט װער די גאַנאָװים זײַנען!

רופֿן זיך אָן די הינט די בייזע:

— דער וואַלד געהער אונדזער גרויסן פֿאָרעץ! די שפּענער געהערן אונדזער גרויסן פֿאָרעץ! אײַער פֿוס זאָל זיך אַהער ניט ווייזן, אַז ניט וועלן מיר אייך צעבײַסן,—אַף שטיקלעך צערײַסן!

העלפֿט ניט. געמוזט די מיידלעך אַראָפּלאָזן די בינטלעך פֿון די פּלייצעס, און דער פֿאָרעץ וויל נאָך די שטריק באַ זיי צונעמען.

שטייט אַן אַלטער בוים באַ דער זײַט—דער עלטסטער פֿון אַלע בוימער, קאָן ער דאָס ניט אײַנלײדן און רופֿט זיך אָן צום פֿאָרעץ:

— דו אַזוינער און אַזוינער, וואָס טרײַבסטו מיט דײַנע בייזע הינט די קינדער פֿון וואַלד?—דער וואַלד איז ניט דײַנער, און די שפּענער זײַנען ניט דײַנע!

— איך פֿרעג באַ אייך קײַן דייעס ניט!—זאָגט דער פֿאָרעץ. און גייט אַוועק מיט די הינט צו זיך אַהיים.

געוואָרן צווישן די בוימער אַ זשום:—וואָס הייסט, ער פֿרעגט באַ אונדז קיין דייעס ניט?

— ווער איז ער עס אַזוינער?

— דער וואַלד איז אַלט!

— דער וואַלד איז גרויס!

— וויפֿל זיינען מיר דאָ ברידער?—פֿרעגן די בוימער.

— טויזנט טויזנטער!—ענטפֿערט דער וואַלד.

— וויפֿל יונגע זיינען באַ אונדז דאָ?

— ווי זאַמד און ערד—ענטפֿערט דער וואַלד.

— איז וועלכער איינער אַזוינער וועט דאָס איבער אונדז געוועלטיקן?

ט'גערוישט דער וואַלד אַ גאַנצע נאַכט און אַ ברום געטאָן אינדערפֿרי:

— ווער וועט גיין מיטן פֿאָרעץ זיך אָפּרעכענען?

— מיר וועלן גיין!—שטייען אויף די שפּענער.

איז נאָך בלוי געווען אין גאַס, האָבן די שפּענער אין פּאַסטאָלעס זיך אָנגעטאָן און אַוועק צום פֿאָרעץ.

דער פּאָרעץ איז געזעסן, האָט מוירע געהאַט, האָט ער זיך אַרומגע־צוימט מיט זיבן פּליטן און אַרומגעבויט מיט זיבן ווענט. האָבן גענומען די שפּענער—די פּליטן אונטערגעצונדן, די ווענט פֿאַרברענט און דעם פּאָרעץ אַרויסגעפֿירט און אים גענומען צום פּליאַסקען.

ט׳גענומען דער פּאָרעץ זיך בעטן:

— לאָזט מיך אָפּ, טייערע, איך וויל נאָך לעבן, וואָס איר וועט הייסן, וועל איך טאָן.

— מיר הייסן—האָבן אויסגערופֿן די שפּענער—שוין זאָלסטו ווערן אויס פּאָרעץ!

—צאַ לעקישן וועסטו ווערן!

אַוועק דער פּאָרעץ אַ לעקיש אַף אַלע יאָרן. און דער וואַלד איז פֿראַנק און פֿריי, ווער ס׳וויל, גייט אַהין.

זומער גייען מיר מיטן מיידעלע און מיט אַלע קינדער אַהין זיך שפּילן



# רײַנאַ די יונגע.

ווער ווייסט, ווער ווייסט, וויפֿל מיר איז דענסטמאָל געווען יאָר.
עפּשער 10, עפּשער 12, און עפּשער גאָר פֿיר.
האָט מען געדאַרפֿט די קאַרטאָפֿל גראָבן אַפֿן פֿעלד.
און אַ וואָסער איז באַ אונדז פֿעלד ווייסט איר?

פֿון איין זײַט איז הימל, פֿון דער צווייטער זײַט איז הימל און אין מיטן איז אַ באַרנבוים.

אַפֿן הימל פּאַשעט זיך מײַן פֿערד. וויל איך, טו איך זיך אַ הויב־אויף, אַ פֿלי, און אַפֿן פֿערד זיך געטראָגן איבערן פֿעלד און איבער נאַטעס באַשאָטן און אַהינצו, איבערן האָראָדעצער באַרג, וווּ פֿראַנץ־יאָסעף־קייסער האָט פֿאַרלאָרן זיין היטל בייס מילכאָמע, און נאָך אַביסל בין איך שוין אין אַמעריקע.

אין אַמעריקע רעדט מען פֿראַנצויזיש. אַז איך רייד צו דער שוועסטער, ווי אַזוי מע רעדט אין אַמעריקע, פֿאַרשטייט זי ניט קיין איין וואָרט.

די שוועסטער גראָבט די קאַרטאָפֿל און איך גיי דערווײַל נאָך באַרן. פּאַווליק פּאַשעט די אָקסן לעם באַרנבוים, איך האָב ניט מוירע פֿאַר אָקסן. באַ איין אָקס איז אַ פּליאַמע אַפֿן אויג, באַ דעם צווייטן איז אַ האַלבע נאָז אַ געלע. גרויסע הערנער באַ פּאַווליקס אָקסן. באַ מײַן זשוק זײַנען סאַי ווי גרעסערע הערנער.

איך האָב אַ זשוק, זײַנען באַ אים געפֿלאָכטענע הערנער, ווי באַ אַ הערש. אין קעסטעלע פֿון שוועבעלעך קריכט ער ניט, דער זשוק, האַלט איך אים אין קעשענע.

די הערנער פֿון אַ זשוק זײַנען מאַזל, טוען זיי זיך אָבער ניט אויס.



...פֿון איין זייט הימל, פֿון דער צווייטער זייט הימל און אין מיטן—אַ באַרנבוים.

ווען זיי לאָזן זיך אויסטאָן, די הערנער, וואָלט איך אָראָפּגענומען אַ פּאָר אָף מאַזל, נאָר, אַז ס'זאָל אים ווייטאָן, וויל איך ניט. אַ דאַיגע,— איך האָב סאַי ווי מאַזל.

אַז אַ קוקאַווקע קוקעט, און מע גייט איינער אַליין צווישן די פּלויטן, ווערט פון איין קאָפּיקע צוויי. אַז מען האָט איין קאָפּיקע אין קעשענע— ווערט צוויי. בין איך סאַי ווי אַ מאַזלדיקער. אינדערפרי גיי איך מיך איינער אַליין צווישן די גערטנער. די זון קריכט צו מיר אין די קעשענעס אַריַין, איז מיר גוט. דערווייל דערהער איך נאָך פון שמערל כאַריפּס בוימער: קוקו־אַוו! די זון שווינדלט פון צווישן די פּלעקער, און איך גיי זיך פּאַמעלעך.

אַז די קוקאַווקע קוקעט, איז מאַזל. און דער זשוק זאָל זיך וואַקסן, ער איז נאָך גאָר אַ יונגער. גרינע הערנער באַ אים. זיי קומען אויס קוים קוים בלוי.

אַז איך וועל אויסוואַקסן אַ גרויסער, וועל איך האָבן אַ פולן אַלקער מיט זשוקעס. אין אַ באַזונדער אַלקערל וועלן זיי באַ מיר אַרומגיין. איין אַלקער מיט זשוקעס און איינער מיט גאָטס בעהיימעלעך.

מיטאַמאָל דערהער איך, אַז מיַין שוועסטער רופט מיך:

— פּעפּקאַ! אַ, פּעפּקאַ!

— אַהאַ! איך גיי! אָט גיי איך.

— פּעפּקאַ,—זאָגט זי—צעלייג אַ פיַיער, וועלן מיר בראָטן קאַרטאָפל.

אין פעלד איז אַ מעכאַיע, ווילסטו, צעלייגסטו אַ פיַיער אין מיטן בייט, טאַקע אַן עמעסן פיַיער—און בראָטסט קאַרטאָפל.

— און שוועבעלעך האָסטו?

— מירן צעבלאָזן פון אַ קויל.

— ווו האָסטו דען קוילן?

— אָן רויכערט זיך אַ פּיען.

ווער ט'עס געקענט אָנצינדן אַ פּיען? ס'רויכערט זיך. און רויכערט זיך. דערוויַיל איז שטענדיק דאָ פיַיער. דאַרף מען גיין אין וועלדל נאָך צוויַיגן.

אַנטקעגן אונדזער פעלד שטייט אַ וועלדל, אַזוי אַ קליין וועלדל, נאָר נאָך אַ בעסערס פון אַ גרויסן. ערשטנס, וואַקסן דאָרטן ניס. אַלע זומער וואַקסן דאָרט ניס. אַז מײַן מאַמע איז נאָך געווען אַ קליינע, פלעגט זי דאָרט רײַסן ניס. און צווייטנס, איז דאָרט פאַראַן אַ באַרג שטיינער, מיט אַ פאַרשטיינטן שלאַנג. איך ווייס פון דעם שלאַנג אַ גאַנצע מאַיסע. נאַפּטאָלע האָט מיר דערציילט. ווי אַזוי ער איז געקראָכן, דער שלאַנג, און געגאַנוועט קינדער פון דאָרף. איך ווייס ניט, צי עס איז אַן עמעס, נאָר דערווײַל איז דאָס אַ וואַלד, אַן עמעסער וואַלד. אַלע פאַרנאַכט קומען אַהער די וואַסער-מיידלעך, זעצן זיך אויס אַפן קלאָץ און זינגען. פאַראַן דאָ אַן אויסגעוואַלגערטער בוים—טאָר מען אים ניט רירן פון אָרט. אויב ניט, קאָנען די וואַסער-מיידלעך ווערן בערויגעז. אַפילע קאַלקע דער סאָלדאַט, בעשאַס ער האָט געבויט די שטוב, האָט ער אויך ניט געטשעפּעט די קלאָץ.

איך זיץ זיך אונטערן בוים און זיץ. הער איך, מען האָט אַ קלונג געטאָן אין וואַסער-טאַצן. דאָס האָט טאַקע מײַן פערדל געקראָגן צוויי לעוואָנעס און געגעבן אַ קלונג איינס, צוויי, האָט זיך דאָס צעגאַנגען איבערן גאַנצן טײַך. זײַנען אַוועק אַרום קלאָץ גאַסט בעהיימעלעך, גרוי-סינקע, ווי די היבער אין דער גרויס. מיט באַגילדטע פליגעלעך און מיט לאַנגע גלעזערנע עקן. האָבן זיי זיך געדרייט, די פליגעלעך, און געדרייט און אַרויף אַף די בוימער, זײַנען געקומען די זשוקעס מיט די לאַנגע הער-נער—אַרויף, אַרויף, גלײַך אַף די בוימער. האָבן זיך די בוימער צעשטעלט, און ווי קליינע יינגעלעך אין שורע און עס האָבן גענומען גיין די מייד-לעך אין וואַסער-קליידער אָנגעטאָן, מיט האַלבע לעוואָנעס אַפן האַרצן און זיך אויסגעזעצט אַפן קלאָץ.

גייט פאַוליקס אָקס מיט גרינע הערנער און מיט אַ גאָלדענער פעל, און אַף אים זיצט „ריינאַ די יונגע” ביידע פיס איר אָנאַזייט אַראָפּגעלאָזט און די האָר שלעפּן זיך איבער דער ערד. נעמט „ריינאַ די יונגע” זינגען שטיל. נעמען איר די מיידלעך נאָכזינגען, אויך שטיל. זינגען זיי אַזוי לאַנג און נעמען זיך פאַר די הענט. מעסט זיך ריינא מיט די מיידלעך: באַ וועמ-מען זײַנען די האָר לענגער. מעסט אָפּ איין מיידל—און גייט אַוועק, מעסט אָפּ אַ צווייטע—און גייט אַוועק. אַזוי שיקט אָפּ ריינאַ אַלע מייד-



איך זיץ זיך אונטערן בוים און זיץ, הער איך...

לעך צום טײַך און אַלײן בלײַבט זי אין װאַלד און לאָזט זיך װײנען אַ שטילן געװײן. װערט אין װאַלד גאָר, גאָר שטיל.

רײַנאַ װײנט, די האָר אַרום האַלדז פאַרװיקלט, די הענט אַרום בױם אַרומגעװאָרפן, און זי רופט מיך:

— קום צו מיר, ייִנגעלע, קום, האָב ניט מורא. קום, איך װעל דיר דערצײלן. איך בין „רײנאַ די יונגע".

האָב איך מורא, גײ איך מיט פאַרמאַכטע אױגן.

נעמט זי מיך אַרום. רײנאַ, װיקלט מיך אַרום מיט אירע לאַנגע האָר. זײַנען אַנדערע נאָס פון טרערן, װיל איך זי פרעגן:

— רײנאַ, דו האָסט אַ מאַמע?

זאָגט זי צו מיר שטיל, און מיט אַזאַ לאָשן:

עלן װעקן זיבן זאַכן,
שטײען הינדלעך און לאַכן:
אײנע זאָגט: אָט גײט זי „רײנאַ".
די צװײטע זאָגט—די האָר נאָך קלײנע...
די פינפטע זאָגט—די אָקסלען קרומע,
װײל איר כאָסן שפעט ניט קומען.
װײן איך מיר אַ גרױס געװײן,
עפשער װעט מײַן כאָסן גײן.

װיל איך זי נאָך עפעס פרעגן, הער איך, מע רײַסט מיך פאַרן אָרבל:

— פעפקאַ, שטײ אױף: פעפקאַ, שטײ אױף!

איך עפן אױף די אױגן, שטײ[illegible] מײַן שװעסטער און שלעפט מיך פאַרן אָרבל.

— קוים געקומען אין פעלד שלאָפן. גײ שיט קאַרטאָפל אָפן װאָגן.

װיל איך ניט גלױבן. שטײט כאָים אונדזוערער און קיצלט מיך מיטן בײַטש־שטעקל אונטערן האַנט:

פעפקאַ, װאָס װײנסטו, פעפקאַ?

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

הײַנט האָט אונדז די מאַמע געבראַכט װאַרמעס, האָבן מיר געגעסן. געביסן ברױט פונם שטיק, און געגעסן. און פאַרנאַכט האָט דער טאַטע

מיט כּאַימען געשלעפּט די שווערע זעק אַפֿן וואָגן. אונדזער רויטער פֿערד איז דערוויַיל אַרומגעגאַנגען אין שפּאַן, געכראָמטשעט אַפֿן פּולן מויל דאָס הויכע גראָז. און איך האָב קיין צייַט ניט געהאַט, איך האָב נאָך אַלץ געקליבן באַרן.

האָט מיר כּאַים אונטערגעשטעלט אַ האַנט, בין איך אַרויף אַפֿן וואָגן אַף די זעק. איך האָב געהאַלטן די ווישקעס און דער טאַטע האָט געפֿירט דעם פֿערד פֿאַר דער צוים אַראָפּ פֿון באַרג.

די מאַמע האָט געזאָגט, אַז איבעראַיאָר וועט מען וויַיטער גראָבן קאַרטאָפֿל אַפֿן פֿעלד, וועל איך וויַיטער אַהין גיין.

ווער ווייסט וויפֿל איז מיר דענסטמאָל געוועזן יאָר? צען, צי צוועלף? און עפּשער גאָר פֿיר!

# אָקסן.

געווען אַמאָל בײַ אַ ייִדן צוויי אָקסן.

זײַנען זיי נאָך אַלץ געוואָקסן.

געוואָקסן און געוואָקסן, און אויסגעוואָקסן העכער פֿון דער שטאַל און גרעסער פֿון דער שטוב. יעדער אָקס איז אַזוי אינדערהויך און אַזוי איִנדערגרויס.

הערנער געווען בײַ די אָקסן—ווי די בוימער, אויגן—ווי די קנוילן, און פּיס—ווי די לאָפּעטעס.

גייט אַ ייִנגעלע אַ קלייבס, רופֿט ער זיך אָן:

— אַן אָקס האָט אַ לאַנגע צונג און קאָן קײַן שויפֿער ניט בלאָזן!

זײַנען געוואָרן די אָקסן אין כּעס און אַרופֿגענומען דאָס ייִנגעלע אַף די הערנער. ט׳דערזען דאָס אַ ווײַבל, איז זי גלײַך אַוועקגעלאָפֿן צום שויכעט.

זאָגט דער שויכעט:

— אָקסן?—מע דאַרף זיי קוילן, אַזעלכע אָקסן.

רופֿן זיך אָן די אָקסן:

— מיר וועלן בעסער דיר קוילן.

זאָגט דער שויכעט:

— ווו וועט איר נעמען אַ כאַלעף?

זאָגן די אָקסן:

— מיר קאָנען אָן אַ כאַלעף!—און זיך צעיאָגט צום שויכעט מיט די הערנער. האָט זיך דער שויכעט דערשראָקן און איז קוים אַנטלאָפֿן אַ לעבעדיקער, זעט דאָס ווײַבל—סיגאָרניט, איז זי אַוועק צום מיליציאָנער.



...געווען אַמאָל בײַ אַ ייִדן צוויי אָקסן.

זאָגט דער מיליציאָנער:

— אָקסן?—מע דאַרף זיי פֿאַרשפּאַרן אין טורמע אַזעלכע אָקסן.

זאָגן די אָקסן:

— מיר וועלן בעסער דיך פֿאַרשפּאַרן אין טורמע.

האָט גענומען איין אָקס, געגעבן אַ פֿיר דעם מיליציאָנער צו דער וואַנט, דער צווייטער—צוגעשפּאַרט אים מיט די הערנער. שטייט ער נאָך דאָרט אי הייַנט.

און די אָקסן זייַנען נאָך אַלץ געוואַקסן.

— גענוג אייַך וואַקסן, קעלבער איר אַזוינע, שוין צייַט אייַך עפּעס טאָן—זאָגט צו זיי דער ייִד.

— וואָס זאָלן מיר טאָן?—פֿרעגן די אָקסן.

— וואָס הייסט וואָס?—נאַט אייַך אַ טאָרבע אַף די הערנער און גייט אין דאָרף אַרייַן קאַרטאָפֿל בעטן.

אָנגעטאָן די אָקסן טאָרבעס אַף די הערנער און זיך געלאָזן גיין. גייען זיי און גייען, די אָקסן, גייען זיי און גייען און קומען צום ערשטן דאָרף. זיצט זיך אַ פֿאַרשוין אַפֿן טויער. פֿרעגן די אָקסן:

— פֿאַרשוין, ווי אַזוי רופֿט מען דיך?

— מיך?—אַנדריי.

האָבן זיך צעלאַכט די אָקסן, גענומען דרייען מיט די טאָרבעס איבער דער ערד און רעווען:

— אַנדריי, גיי אין שטייַג, לייג אַן איי.

האָט זיך אַנדריי זייער דערשראָקן און גענומען לויפֿן. האָבן דערזען די ווייַבער—אַנדריי לויפֿט, און זיי נאָך אים! דערזען די כאַזייריםמע לויפֿט, האָבן זיי אויך גענומען לויפֿן. די הינט לויפֿן, די קעץ לויפֿן, די הענער קרייען, די שאָף מעקען, די הינט בילן, די כאַזיירים קוויטשען.

איז אַרויס מוישע דער גיבער און זאָגט:

— בעהיימעס, וואָס קוויטשעט איר? וואָס לויפֿט איר?

זאָגן זיי:

— אַנדריי לויפֿט.

זאָגט אַנדריי:

— וואָס זייַנען דאָס פֿאַר אָקסן, וואָס פֿאַרן טויער שטייען?!



...זיינען אַוועק די אָקסן איבער איין פעלד און אים צעאַקערט.

איז אַוועק מוישע דער גיבער צו די אָקסן, זיך אַוועקגעשטעלט פֿאַרן טויער, און רופֿט אויס:

— אָקסן, נאָך וואָס זייט איר אַהער געקומען?

— מיר?—מיר זײַנען געקומען ציגל קנעטן.

— נאָך וואָס זײַנט איר געקומען?—האָט מוישעווידער געגעבן אַ געשריי, שוין מיט קאַס.

מיר?—האָבן זיך דערשראָקן די אָקסן,—מיר זײַנען געקומען ברויט בעטן.

— גוט,—זאָגט מוישע:—אַט אַזוי רעדט. איצט וואַרט צו אַ ווײַלע, איך וועל אײַך אָנבינדן אַ וועגעלע צום עק און אָנשיטן ברויט.

איז אַוועק מוישע דער גיבער צום שמיד, האָט דאָרט אויסגעקליבן דעם גרעסטן אַקער, אים אָנגעבונדן צו די אָקסן און זאָגט:

— איר, אָקסן, גייט, איך וועל אײַך שיטן ברויט.

זײַנען אַוועק די אָקסן איבער איין פֿעלד און אים צעאַקערט, אַוועק איבערן צווייטן פֿעלד און צעאַקערט, און מוישע גייט נאָך נאָכן אַקער.

אויסגעאַקערט איין פֿאַס ערד, טרייסלט ער אָפּ דעם אַקער, קערעוועט זיך אויס און ווײַטער געגאַנגען; אַזוי צעאַקערט אַלע פֿעלדער אַרום דעם דאָרף.

— איצט,—זאָגט מוישע,—זײַט איר וואָילע אָקסן, גייט עסט פּאַשע און איך וועל זייען קאָרן. אַז ס'וועט אויסוואַקסן, וועל איך אײַך אויך געבן אַ כיילעק.

פֿונדעסטמאָלט אָן זײַנען געבליבן די אָקסן אין דאָרף אַף אַלע יאָרן. זומער אַקערן זיי די פֿעלדער און עסן גראָז, ווינטער פֿירן זיי זעק אין מיל אַרײַן און עסן מעל מיט קלײַען.

אַ זעקל אַרײַן, אַ זעקל אַרויס, און די מאַיסע איז אויס.

# א י נ ה אַ ל ט:


| | זײט: |
|---|---|
| אַרום שול | 3 |
| מאַטעשי, טאַטעשי, זײַ ניט אַזוי | 11 |
| אַ מאַיטעלע | 18 |
| אַ גאָרטן בעשוטפּעס | 25 |
| די באָרוועסע שפּענער | 34 |
| ריינאַ די יונגע | 3[illegible] |
| אָקען | 45 |

# ביכער פאר קינדער

**ווײַסרוסלענדישער מעלוכע־פאַרלאַג**
**מינסק**

## פאַר יונגע זינגער
**עליע סאַוויקאָווסקי**

לידער-זאמלונג מיט נאָטן

34 זײַטלעך, גרויסן פאָרמאַט.

פרייז 60 קאָפּ.

----

## מאַיסעלעך אין פערזן
**י. ראַווין**

40 זייטלעך.

פרייז 40 קאָפּ.

----

## מײַזעלע פּיק
**וו. ביאַנקי**

52 זייטלעך.

פרייז 20 קאָפּ.

----

## מורזוק
**וו. ביאַנקי**

72 זייטלעך.

פרייז 55 קאָפּ.

----

## אָסוואַלד
**ע. געזין**

א קינדער-פּיעסע אין 5 בילדער

31 זײַטלעך.

פרייַז 25 קאָפּ.

----

## צווישן לעבן און טויט

65 זייטלעך.

פרייז 45 קאָפּ.

----

## קינדער-וועלט

93 זייטלעך.

פרייז 45 קאָפּ.

**ווערן פאַרקויפט אין אלע ביכהאַנדלונגען פון ווייסרוס. מעלוכע־פאַרלאַג**

# ביכער פאַר קינדער

ווייסרוסלענדישער מעלוכע־פאַרלאַג
מינסק

## א מאַיסע מיט 3 ציגעלעך

אלעקסאנדראָווע און בענסמאַן

16 זייטלעך.

פרייז 20 קאָפּ.

----

## די שנייערס

אלעקסאנדראָווע און בענסמאַן

24 זייטלעך.

פרייז 30 קאָפּ.

----

## יונגנט־לידער

נויעך גאָרעליק

47 זייטלעך.

פרייז 40 קאָפּ.

----

## קינדער־לידער

נויעך גאָרעליק

49 זייטלעך.

פרייז 23 קאָפּ.

----

## דאָס פליגעלע

12 זייטלעך.

פרייז 25 קאָפּ.

----

## זייאַצוכט

טשוקאָווסקי

24 זייטלעך, גרויסן פאָרמאַט.

פרייז 40 קאָפּ.

ווערן פאַרקויפט אין אלע בוכהאַנדלונגען פון ווייסרוס. מעלוכע־פאַרלאַג